ב"ה לאָדז
מנחם אב תרפ"ט


לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב!

# בית יעקב
## חודש זשורנאל


אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן


דער ציעל פון די בית-יעקב שולען:
צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אייביגקייט'ס - אידעאַלען.


אַבאָנאַמענטס-פּרייז: א יאָהר 8 גילד.
אויסל.: 2 דאָלאַר. — געלד פריהעראויס.
אַדרעס פאַר געלד:
Łódź, P. K. O. 65.613


דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:
פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי און דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה.


נומער 45
6 יאַהרגאַנג


## ערשטער קאָנקורס פון דער אָרטאָ-דאָקסישער ליטעראַטור.

בעת די לעהרערינס-קאָנפערענצען, וועלכע זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ראַבקאַ סוף פאָריגען חודש תמוז, און וועלכע ס'האָבען זיך אויך בעטייליגט די דאָצענטינס פון סעמינאַר פרוי שרה שענירער, פּרל. דר. ראָזענבוים און פּרל. שטשערייענסקא, ווי אויך די ה"ה דר. ש. דייטשלענדער (חיען), י. ל. אָרלעאַן (וואַרשאַ), מ. הייטנער (קראָקא) און א. ג. פרידענזאָן (לאָדז) איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס צוליב'ן מאַנגעל אין אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור זאָל פערעפענטליכט ווערען אַ קאָנקורס אויף די בעסטע אָריגינעלע ליטעראַרישע שאַפונגען און די אַלוועלטליכע בית-יעקב-צענטראַלע אין ווין, בעשטימט פאַר דעם צוועק אַ סומע פון טויזענט זלאָטעס!

דער קאָנקורס נעמט אַרום פאָלגענדע אַרבייטען: א) פאַר די בעסטע 3 קינדער-לידער צו 50 זל. און 6 לידער צו 25 זל. ב) אַ הימן פאַר דער בית-יעקב שול 100 זל. ג) 2 קינדער-פאָרשטעלונגען צו 100 זל. ד) 2 ערצעהלונגען צו 100 זל. ה) אַ פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונג איבער'ן קאַמף געגען דער פרייער השכלה אין מזרח און מערב-אייראָפּע 200 זל.

די בעטייליגטע אין קאָנגרעס דאַרפען אכט לעגען אויף פאָלגענדעס:

1) די קינדער-לידער דאַרפען זיין געווידמעט די ימים-טובים, ווי שבת, פסח, שבועות, ימים-נוראים, חנוכה, חמשה-עשר בשבט, פורים א. א. וו., און יעדעס ליד דאַרף האַלטען פון 4 ביז 6 סטראָפען צוגעפּאַסט פאַר שול-קינדער אין עלטער פון 7—14 יאָהר, פּאָפּולערער לייכטער טעקסט. 2) די פאָרשטעלונגען קאָנען זיין היסטאָרישע אָדער אַקטועלע בילדער, געפּאַסט אויסצופיהרען פאַר קינדער אין שול-עלטער, אויף חנוכה און פורים, פון 3 ביז 5 אַקטען. 3) די ערצעהלונגען: 1 היסטאָרישע און 1 אַקטועלע שילדערונג פון דער יודישער סביבה צוגעפּאַסט פאַר קינדער פון 13 יאָהר אָן. יעדע ערצעהלונג דאַרף האַלטען מינימום 1 ביז מאַקסימום 2 דרוק-בויגען.—אַלע צוגעשיקטע אַרבייטען דאַרפען זיין אָריגינעל, נאָכנישט אין ערגיץ געדרוקט.

די זשורי פונ'ם קאָנקורס בעשטעהט פון אונזערע רעדאַקציע-מיטאַרבייטער דר. ש. דייטשלענדער, א. ז. פרידמאַן, י. ל. אָרלעאַן און א. ג. פרידענזאָן.

אַלע אַרבייטען וועלען זיין געדרוקט אין ב"י זשורנאַל פון חודש חשון תר"צ אָן. דער לעצטער טערמין פון צושיקען צום קאָנקורס איז ביז ר"ח חשון תר"צ. אין חשון נומער פון אונזער זשורנאַל וועט זיין פערעפענטליכט דער גענויער רעזולטאַט פונ'ם קאָנקורס און די געווינער וועלען בעקומען צוגעשיקט זייער בעשטימטען געווינענעם סכום.

אַלע מאַטעריאַלען דאַרפען צוגעשיקט ווערען אויפ'ן אַדרעס פון אונזער רעדאַקציע „פאַר קאָנקורס".

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
ŁÓDŹ, Sierpień 1929 r.
„BAJS JAKOW“

Cena 40 gr.
(miesięcznik)

ROK VI zeszyt 11(45)
Adres Red. „Bajs Jakow“
Łódź, Aleksandrowska 28.
P.K.O. 65.613

# ערשטער וועלט-קאנגרעס

## פון די ארטאדאקסישע פרויען-ארגאניזציעס אין וויען.

בלויס'ן בעשלוס פון דער אַלוועלטליכער אַגודה-צענטראַלע, ווערט צונויפגערופען דער ערשטער וועלט-קאָנגרעס פון די אָר-טאָדאָקסישער פרויען-אָרגאַניזאַציעס קיין וויען, אויף דער צייט פון ה' – י"ב אלול (10 – 17 סעפטעמבער). אין דערזעלבער צייט יוען ס'וועט ווערען אָפגעהאַלטען אין וויען די צווייטע כנסי' גדולה פון אגודת-ישראל.

דערדאָזיגער וויכטיגער בעשלוס פון דער אַלוועלטליכער אגודה-צענטראַלע, וועט געוויס אויפגענומען ווערען מצד די ברייטסטע יודיש-רעליגיעזע פרויען-קרייזען און גאָר דער וועלט מיט דער גרעסטער שמחה. עס וועט זיין דער ערשטער פאַל אין דער יודישער געשיכטע, ווען די רעליגיעזע פרויען, וועלען עפענטליך פראָקלאַמירען פאַר דער גאַנצער וועלט זייער פאָזי-טיווע בעציהונג צום יודישען פאָלק, תורה און טראַדיציע.

אין צענטרום פונ'ם טאָג-אָרדנונג אויפ'ן ערשטען אָרט-פרויען-קאָנגרעס וועלען אַוועקגעשטעלט ווערען די וויכטיגסטע פראַגען פון יודישען רעליגיעזען פרויען-לעבען און דער הויפט-צוועק פונ'ם קאָנגרעס וועט זיין, דאָס שאַפען אַ וועלט-פערבאַנד פון די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער.

דאָס דורכפיהרען די הכנות צו אונזער קאָנגרעס פאַר פוילען, האָט איבערגענומען – לויט'ן אויפטראַג פון דער אַלוועלט-ליכער אגודה-צענטראַלע – דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט, פון בנות-אגודת-ישראל אין פוילען אַלס די לעגיטימע פאָרשטעהער-שאַפט פון די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס דאָ אין לאַנד.

מיר ווענדען זיך דעריבער צו אַלע בנות - אָפטיילינגען, תיכף דורכצופיהרען די וואַהלען פון דעלעגאַטינס צום קאָנגרעס, ווי אויך צו בעמיהען זיך, אַז פון יעדען אָרט זאָלען פאָהרען צום קאָנגרעס די אָנגעזעהנסטע אַרטאָדאָקסישע פרויען.

עס דאַרף אונז זאָפאָרט מיטגעטיילט ווערען, ווער פון די רעליגיעזע פרויען, וואָס ווילען זיך בעטייליגען אינ'ם קאָנגרעס און די זעלבע דאַרפען אונז אויך איינשיקען זייערע גענויע נעמען און אַדרעס בכדי פאַר זיי צו קאָנען פערשאַפען ביליגע אויסלענדישע פעסער.

דער קומענדיגער נומער בית-יעקב-זשורנאַל, וועלכער ער-שיינט שפעטסטענס דעם 23-טן אָב, וועט ברענגען אויספיהרליך דעם סדר היום פון קאָנגרעס און עס וועט זיך אויך געפינען אין זשורנאַל אַ ספעציעלע ביילאַגע אין דער דייטשער שפראַך גע-ווידמעט די אויפגאַבען און צילען פון קאָנגרעס.

צענטראַלע „בנות אגודת ישראל“
אין פוילען.

אכטונג! מיר בעטען די אָרטאָדאָקסישע פרויען פון פוילען, וואָס געפינען זיך אין די אויסלענדישע קור-ערטער צוצושיקען אונז זייערע אדרעסען, בכדי צו בעקומען פון אונז צוגעשיקט די ספעציעלע איינלאַדונגען צום קאָנגרעס.

### בשורת ספרים חדשים

יצאו לאור הספרים החשובים מאת הרב הגאון הצדיק הגדול בנגלה ובנסתר רבי ברוך בנדיט גליקסמן ז"ל מלאסק. 1) בריחי זהב. מורה דרך לנבוכים ביסודות תורה שבע"פ וחכמת הקבלה, לבאר מאמר חז"ל כל מקום שפקרו המינים תשובתם בצדם. 2) טעם ברוך, פירוש על ספר משלי. מחיר כ"א 2 זל. 3) בית תפלה, פירוש על סדר התפלה מחירו 1 זל. 4) ברכת קודש. פירוש לשיר השירים, לתהלים ולפרקי אבות, מחירו 1 זל. 25 גר. הוא ח"ב לס' בית תפלה.

להשיגם אצל המו"ל

פ. ז. גליקסמן לאָדז זאוואַדזקא 16 a

אַ האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר די מיטגלידערין פון אונזער צעטראַל-ראַט פרל. שבע גרוימאַן אויס וויעלון צו איהר חתונה.

אייער וועג זאָל בעגלייטען גליק און צופרידענהייט!

צענטראַלע
בנות אגודת ישראל
אין פוילען.

די ביליגסטע קוועלע פון
שיך און פאנטאפעל!
אַלער-אַרט שיך און פאַנטאָפעל, מאָרגען-שיך,
פון די פיינסטע סאָרטען לעדער און לאַקיר.
גאַנץ בעזונדער אַ גרויסען אויסוואַהל פון
קינדער-שיך.
ספעציעלע שוה צו גימנאסטיק
פאר שול קינדער
בעסטע קוואַליטעטען! – ערשטקלאַסיגע אויסאַרבייטונג!
קויפט נאָר ביי דער פאָפולערער און רעעלער פירמא
„RENOMA“
Łódź, Piotrkowska 7

געזעצט ביי מ. ליבעסקינד, לאדז

Red. i wyd. Lezer Gerszon Frydenzon.

Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50